# <u>פרשת שלח י"ט - כ"ה סיון תשפ"א לפ"ק</u>

***יום ראשון פרשת שלח***

בשעות הערב הגיע **רבינו שליט"א** לסידור קידושין אצל החופה של בן הר"ר **משה יוסף האפפמאן** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **חנינא פישער** הי"ו, שהתקיים באולם אימפריעל.

אחר החופה נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעור השבועי בשלחן ערוך (או"ח הל' ברכת הפירות סימן ר"ח סעיף ד') בבית מדרשנו בבארא פארק. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע העעל"ט.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** גמרא (מועד קטן יח.) זאגט, אז עס איז דא דריי פסוקים, אין תורה נביאים און כתובים, אז מה' אשה לאיש. די זיווג פון א מענטש, וואס מען האט אנגעשריבן די אשה פאר דעם מאן, בת פלוני לפלוני, איז דא דריי פסוקים, אז עס איז פונעם אייבערשטען. ביי אליעזר געפונט מען אז מען האט געזאגט, מה' יצא הדבר (בראשית כד-נ), אז עס איז ארויסגעקומען פונעם אייבערשטען. און עס איז דא א פסוק אין משלי (יט-יד), און אין נביאים (שופטים יד-ד). און עס דארף האבן א ביאור. וואס איז טייטש מה' אשה לאיש? וואס איז נישט מה'? אלעס איז מה'! און נאר אויף דעם זיווג דארף מען א פסוק?! און אויף זיין ביזנעס, און אז ער איז געזונט, און אלע אנדערע זאכען וואס א מענטש האט, אלעס איז אנגעשריבן פון אויבן וואס ער זאל האבן. וואס איז די נקודה, אז ווען עס קומט צו א שידוך, זאגט מען מה' אשה לאיש, דער אייבערשטער האט עס צוזאמגעשטעלט. און מען געפונט אין די גמרא (סוטה ב.) אז עס איז דא א כרוז וואס רופט אויס ארבעים יום קודם יצירת הולד, בת פלוני לפלוני. וואס פונקט דאס רופט מען אויס, בת פלוני לפלוני. און וואס איז אנדערע זאכען וואס א מענטש האט אין די זיבעציג יאר פון זיין לעבן. פארוואס רופט מען נישט אויס פאר דעם, אז פאר דעם מענטש איז באשערט דאס און דאס און דאס, און מען זאל עס מכריז זיין פאר ער ווערט געבוירן.

**דער** ענין דערפון איז, עס שטייט אין **בני יששכר** (שבתות ו-ח, אב ב-טז, אדר י-א), אז א מענטש האט א בחירה, און עס איז דא די ידיעה פונעם אייבערשטען. דער אייבערשטער האט אנגעשריבן פאר יעדן מענטש, וואס ער דארף אדורכגיין, אבער א מענטש האט א בחירה בוחר צו זיין רעה אדער טוב. ער קען טון אלעס וואס ער וויל, דער באשעפער האט נישט אוועקגענומען די בחירה פון א מענטש, אבער די בחירה איז נישט סותר די ידיעה. עס איז שווער צו פארשטיין מיטן שכל, אבער אזוי איז עס (עיין **ברמב"ם** הל' תשובה ה-ה). קומט אויס, אז יעדע זאך וואס מען האט אויסגערופן אויבן, ליגט אין די הענט פון א מענטש בוחר צו זיין אזוי צו אזוי. זאגט דער בני יששכר, דאס איז נאר א זאך וואס איז נישט ארויסגעקומען פונעם אייבערשטענס מויל, אז עס זאל זיין אזוי און אזוי. עס איז נאר אז דער אייבערשטער האט מחליט געווען במחשבה אז עס זאל זיין אזוי. א זאך וואס קומט ארויס פונעם דיבור פונעם אייבערשטען, איז לא ישיב אלי ריקם (ישעיה נה-יא), עס קען נישט צוריק גיין אנדערש. אז דער באשעפער האט עס געזאגט, איז נישט שייך אז א מענטש זאל האבן א בחירה צו טון אנדערש פונעם דיבור פונעם באשעפער.

**טייטש** דער בני יששכר, ביי ישעיה הנביא שטייט (ישעיה א-א) חזון ישעיהו בן אמוץ אשר חזה על יהודה וירושלים, ער האט געזעהן א חזיון, א נבואה, וואס עס וועט זיין ביים חורבן פונעם בית המקדש. זאגט דער בני יששכר, 'חזון' איז א שוואכע סארט נבואה, עס איז נאר א חזיון. א נבואה איז טייטש וואס דער אייבערשטער זאגט מיטן מויל. נישט יעדער נביא איז זוכה אז מען זאל רעדן צו אים, עס שטייט די פאריגע וואך אין די פרשה (במדבר יב-ו) אז עס איז דא אסאך ערליי מדריגות, נאר במראה, און בחלום אדבר בו. און עס איז דא פה אל פה אדבר בו וגו', ותמונת ה' יביט. ישעיה וואלט ראוי געווען אז דער אייבערשטער זאל אים זאגען די נביאות, רעדן צו אים. און דער אייבערשטער האט נישט גערעדט צו אים, ער האט אים נאר געוויזען א חזון. שטעלט זיך די קשיא, פארוואס? זאגט ער, ווייל א חזון קען מען מהפך זיין, דער אייבערשטער האט עס נאכנישט ארויסגעזאגט מיטן מויל. אבער ווען עס קומט א נבואה בדיבור, קען מען נישט טוישן וואס דער אייבערשטער האט געזאגט, לא ישוב אלי ריקם. און אזוי ווי דאס איז דאך געווען אויפן חורבן פונעם בית

המקדש, על יהודה וירושלים, האט דער אייבערשטער נישט געוואלט אז עס זאל זיין א דיבור, כדי מען זאל נאך קענען צוריקציען פונעם חורבן. איז נאר געווען 'חזון' ישעיהו בן אמוץ אשר 'חזה', ער האט נאר געזעהן, ווייל עס איז געווען על יהודה וירושלים, האט ער עס נאר געזעהן.

**ווען** א זיווג פון א מענטש זאל זיין תלוי אין א בחירה, איז דאך כשם שאין פרצופיהן שוות כך אין דעותיהן שוות (תנחומא פנחס י), און אויף יעדן שידוך וואס מען וואלט אנגעטראגען, וואלט מען געהאט קריטיק אזוי און אזוי. יא בוחר זיין, צו נישט בוחר זיין. מענטשען וואלטן געקענט שעדיגען א שידוך, מען רעדט צוזאם אויף דעם און אויף יענעם. אבער אז עס איז ארויסגעקומען א כרוז פונעם אייבערשטענס מויל, בת פלוני לפלוני, איז דעם שידוך קען קיינער נישט קאליע מאכען. דא איז געווען א דיבור פונעם אייבערשטען, און אויף דעם שידוך וועט מען אוועקנעמען די שכל פונעם מענטש, ער וועט נישט האבן א בחירה צו זאגען אז ער וויל נישט, און ער וועט מסכים זיין. ווען עס קומט דער ריכטיגער שידוך וועט מען אים פארדרייען דעם קאפ, צו ווי אזוי מען וויל עס אנרופן, אבער ער וועט זאגען יא, ער איז מסכים צום שידוך. ווייל אויב עס איז דא א דיבור פונעם אייבערשטען אז בת פלוני לפלוני, קען מען די זאך נישט טוישן. און דער אייבערשטער האט געוואלט אז אלע שידוכים זאלן אדורכגיין אזוי ווי עס דארף אדורכגיין, איז ווען א מענטש ווערט געבוירן רופט מען אויס, בת פלוני לפלוני, און אז עס איז ארויסגעקומען א דיבור פונעם אייבערשטען, וועט עס צוזאמקומען. ווי אזוי, און וואס, און ווען, אמאל זעהט מען א מענטש ווארפט אוועק גוטע שידוכים וכדומה, און ווען עס קומט א שוואכע שידוך, שאקעלט ער מיטן קאפ, ער איז מסכים דערויף. דו האסט דאך אליין אוועקגעווארפן אנדערע שידוכים. אבער דא איז געווען די הכרזה, און אז עס איז געווען א הכרזה, מען האט אזוי אויסגערופן, איז ער מסכים דערצו.

**וואס** דארף מען מער, בתואל מיט לבן, מען קומט און מען טראגט אן א שידוך, יצחק. ער דארף דען יצחק, ער דארף האבן א צדיק יצחק, מיט א מחותן אברהם. אבער אז אין הימל האט מען אויסגערופן אז עס איז א שידוך, זאגט ער, מה' יצא הדבר. איך וויל יא, איך וויל נישט, איך זאג יא, פארוואס, ווייל עס איז מה' יצא הדבר, עס איז ארויסגעקומען פונעם אייבערשטענס מויל, האט מען מיר צוגענומען די בחירה, און איך בין מסכים צו וואס מען האט אויסגערופן אויבן. עס איז דא א הכרזה, כדי מען זאל עס נישט שטערן, און דער שידוך זאל ווערן.

*

**די** הכרזה וואס דער אייבערשטער רופט אויס, האט נאך א מעלה. ווייל א דיבור פונעם אייבערשטען איז נישט נאר אז מען קען עס נישט מבטל זיין, א דיבור פונעם אייבערשטען איז א נצחי. דער אייבערשטער האט געוואלט, אז אפילו נאכדעם וואס עס געשעהנט שוין א שידוך, וויפיל סייעתא דשמיא דארף מען האבן, אז די זיבעציג יאר זאלן אדורכגיין און עס זאל בלייבען דער שידוך. וויפיל איז דא וואס עס האנקערט זאכן אינמיטן פונעם לעבן, און עס הענגט אויף א האר, און דער אייבערשטער האלט עס צוזאם. אבער אזוי ווי עס קומט א דיבור פונעם אייבערשטען בת פלוני לפלוני, האט עס אין זיך א כח אז עס זאל זיין א נצחי, און עס זאל זיך צוזאמהאלטן.

**מען** האט אסאך מאל גערעדט, אז דער מטרונא האט געפרעגט רבי יוסי בר חלפתא, וואס דער אייבערשטער טוט פון בריאת העולם אן. האט ער געזאגט, הקב"ה יושב ומזווג זיווגים (ב"ר סח-ד). א גאנצע צייט דארף ער זיצען און מזווג זיין זיווגים? ווען דער מענטש איז געבוירן געווארן איז שוין דא דער זיווג, בת פלוני לפלוני. מען האט שוין צוזאמגעשטעלט אלעס, וואס איז נאך יעצט דא צוטון צו דעם זיווג פונעם מענטש, מען האט שוין אויסגערופן צוואנציג יאר צוריק, בת פלוני לפלוני. - און פארוואס זאגט ער, הקב"ה יושב ומזווג 'זיווגים', דער אייבערשטער זיצט און ער איז מזווג 'יחידים'. מושיב יחידים ביתה (תהלים סח-ז), א יחיד דא, און א יחיד דארט, און דער אייבערשטער שטעלט זיי צוזאם.

**צוזאמצושטעלן** יחידים, איז א קלייניגקייט. דער אייבערשטער רופט אויס בת פלוני לפלוני, עס ווערט צוזאמגעשטעלט. ווען דער זיווג איז שוין דא, און מען דארף צוזאמהאלטן דעם זיווג, דאס איז א ארבעט פון זיבעציג יאר. און הקב"ה יושב, א

גאנצע טאג זיצט ער און ער טוט צוזאמשטעלן יעדן זיין זיווג. דא זאל עס נישט פלאצען ביי דעם, און דא זאל עס נישט פלאצען ביי יענעם. זי פרעגט וואס דער אייבערשטער טוט, האט ער נישט געזאגט, אז דער אייבערשטער איז יושב ומזווג 'יחידים', אויף יחידים דארף ער נישט מזווג זיין. ער איז מזווג זיווגים, דער זיווג וואס איז שוין דא, אז עס זאל זיך האלטן, דאס איז דער אייבערשטער יושב און ער איז מזווג די זיווגים. און דאס נעמט זיך פונעם כרוז וואס דער אייבערשטער האט געזאגט בת פלוני לפלוני, דער דיבור גיט דעם כח, אז עס זאל בלייבען א נצחי.

**די** גמרא (שבת קנב.) דרשנ'ט אויפן זיווג פון א מענטש, כי הוא אמר ויהי, הוא צוה ויעמוד (תהלים לג-ט), אז עס גייט ארויף אויפן זיווג פון א מענטש. 'כי הוא אמר', דער אייבערשטער האט קודם געזאגט, און דורך דעם איז 'ויהי', ווערט דאס ווערן. ווייל עס איז נישט שייך א בחירה אקעגן די ווערטער פונעם אייבערשטען. און אז דער אייבערשטער האט עס מצווה געווען, ויעמוד, איז נישט נאר עס ווערט, נאר עס האלט זיך אויך. סיי דער 'ויהי' און סיי דער 'ויעמוד', נעמט זיך ווייל דער אייבערשטער האט עס ארויסגעזאגט. דער אייבערשטער זאל העלפן אי"ה אז אין אלע יודישע שטובער זאל זיין, הוא אמר ויהי הוא צוה ויעמוד, פאר יעדע דארף מען האבן א ברכה און סייעתא דשמיא.

*

אחר מעריב הגיע **רבינו שליט"א** להשתתף אצל מסיבת 'נחלתינו' לטובת הבנין החדש של הישיבה גדולה ההולך ונבנה לשם ולתפארת (בשכונת איסט פלעטבוש), שנערך לתלמידי יוצאי הישיבה גדולה (בשנת תשע"ט), והתקיים בבית הר"ר **הערשל רובין** הי"ו, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**פותחין** בכבוד האכסניא, דער מארח פון אונזער גאנצער חבריא דא, וואס האט אוועקגעגעבן די שטוב פאר החזקת התורה. דער אייבערשטער זאל אים בענטשען מיט אלע ברכות וואס שטייט אין די תורה, שמחות און נחת ווייטער אויך. עס איז ביי מיר די ערשטע מאל וואס איך זיץ ביי אזא מסיבה דא צווישן די תלמידים פון די ישיבה, עס ברענגט מיר צוריק אסאך זכרונות, און מן הסתם פאר ענק אויך, די טעג וואס מען איז געזעסן צוזאמען אין בית המדרש און געלערנט, אפשר האט מען עס נישט גענוג געשעצט בשעת מען איז געווען אין בית המדרש, ווייל מען האט געמיינט אז עס קומט אזוי, אבער ווען עס גייט אדורך, מען ווערט עלטער, און מען גייט ארויס פון בית המדרש, הייבט מען אן צו שעצן די צייט וואס מען האט געהאט די זכיה צו זיצן באהלה של תורה, וואס יעדער האט קונה געווען אין די יארן. אלעס וואס מען האט היינט, ווענדט זיך ווי אזוי עס איז אדורכגעגאנגען די יארן אלץ בחור. יעדער איינער לפי ערכו, האט צו פארדאנקען זיין ערליכקייט, און זיין שידוך, זיין התנהגות, אויף דעם וואס מען איז געווען באהלה של תורה.

**מען** האט פריער גערעדט, יעדער ווייסט וויפיל מען האט זיך געפלאגט צו טרעפן א פלאץ, אז מען זאל קענען ווייטער ממשיך זיין צו לערנען. און מען האלט שוין דא ממש ביים סיום דערפון. און עס שטעלט זיך כמעט אפ יעצט, ווייל עס איז נישט דא גענוג געלט אז מען זאל קענען ענדיגען דעם בנין. מען האט שוין אריינגעלייגט דא א ים מיט געלט וואס מען איז נישט געקומען צו קיינעם, גרעסערע נדיבים האבן זיך משתתף געווען.

**דער** ענין פון הכרת הטוב, וואס א יוד דארף שטענדיג מכיר טובה זיין. יעדע גוטע זאך וואס ער האט באקומען פון איינעם, דורך איינעם, דארף מען שטענדיג געדענקען, און נישט זיין א כפוי טובה. עס שטייט ביי משה רבינו, אז ער האט געהאט צען נעמען, און דער אייבערשטער האט אים גערופן מיטן נאמען פון בת פרעה, משה, כי מן המים משיתיהו (שמות ב-י). עס איז געווען נעמען וואס דער טאטע האט אים גערופן, וואס דער אייבערשטער האט אים גערופן, געשוויסטער האבן אים גערופן, עס שטייט אין מדרש (שמו"ר א-כו), אז דער אייבערשטער האט געזאגט, איך בין מכיר טובה פאר בתיה בת פרעה, זי האט אים מציל געווען, זי האט אים ארויסגענומען פון וואסער, וויל איך מען זאל אים רופן שטענדיג מיט דעם נאמען וואס זי האט אים גערופן. דער אייבערשטער האט אונז געוואלט לערנען די מדה פון הכרת הטוב, משה רבינו'ס עקזיסטענץ איז צוליב בתיה בת פרעה, האט אים דער אייבערשטער גערופן מיט איר נאמען.

**עס** איז באמת א חשיבות בעצם וואס די כתה האלט זיך צוזאם, עס איז זייער א שיינע זאך, און מען דארף עס ממשיך זיין נישט נאר אויף געלט, א חברותא פון א כתה דארף זיין, זיך צוזאמהאלטען שטענדיג. מזמן לזמן זיך צוזאמקומען, צו איז דאס יעדע נאכט אין בית המדרש, צו איז דאס סתם אזוי מזמן לזמן. א חברותא מאכט זייער אסאך אויס, הרבה חברותא עושה (סוטה ז.), **א גרויס חלק פון יודישקייט וואס א יוד האלט זיך, איז ווען ער האט א חברותא צוזאמען. די וואס האבען נישט קיין חברותא, די פאלן אוועק. ער האט נישט מיט וועם צו פארברענגען, ער האט נישט מיט וועם צו רעדן, ער האט נישט פון וועם זיך צו שעמען, און ער ווערט פארפאלן און אויסגעמישט מיט א וועלט. אז מען האלט זיך א חברותא צוזאמען, טוט עס ברענגען צו אהבת התורה און יראת שמים.**

**איך** האב אזוי געטראכט. עס איז די וואך די פרשה פון די מרגלים, די מרגלים זענען געווען אנשים כשרים, בשעת זיי זענען ארויסגעגאנגען, כולם אנשים (במדבר יג-ג), נאר ווען זיי זענען צוריקגעקומען זענען זיי שוין נישט געווען די זעלבע ווי ווען מען איז אוועקגעגאנגען. וואס האט זיך געטוישט אין די פערציג טעג ביי די מרגלים אז זיי זענען קאליע געווארן? זיי האבן פארלוירן די חברותא! אין מדבר זענען זיי געווען צוזאמען גאנץ כלל ישראל, מיט משה רבינו, מיט די משפחה, מיט גוטע פריינד צוזאמען. און זיי האבן זיך אפגעטיילט, זיי זענען ארויסגעגאנגען פערציג טעג אויף ארץ כנען. ווען מען איז אפגעטיילט פון א חברותא באקומט מען שוין די השפעה פון פרעמדע. און עס האט צוגעברענגט צו וואס עס האט צוגעברענגט.

**עס** שטייט ביי משה רבינו (דברים י-יב), אז ער האט געזאגט, ועתה ישראל מה ה' אלקיך שואל מעמך, דער אייבערשטער בעהט נישט פון דיר קיין סאך, כי אם ליראה את ה' אלקיך, נאר ליראה את ה'. פרעגט די גמרא (ברכות לג:), וכי יראה מילתא זוטרתא הוא, יראה איז דען א קלייניגקייט? נאר דאס בעהט דער אייבערשטער, יראה? עס איז גאנץ א שווערע עבודה ליראה את ה' אלקיך. זאגט די גמרא, לגבי משה מילתא זוטרתא הוא, פאר משה רבינו איז עס געווען א קלייניגקייט. פרעגט דאך די וועלט, פאר משה רבינו איז עס טאקע א קלייניגקייט, אבער פאר אונז איז עס א גרויסע זאך. משה רבינו רעדט דאך נישט צו זיך, ער רעדט צו אונז.

**עס** שטייט אין **תולדות יעקב יוסף** (פ' בא אות י'), אז דער פשט פון די גמרא איז, אין, לגבי משה, ווען יודען זענען צוזאמען מיט משה רבינו, איז יראה א מילתא זוטרתא. יא, יראה איז א שווערע עבודה, ווען מען האט נישט קיין חיזוק, ווען מען האט נישט קיין חברותא ארום און ארום, עס פעלט דער משה, עס פעלט דער כלל ישראל ארום און ארום, איז יראה א גרויסע זאך. ווען מען זיצט מיט משה רבינו צוזאמען, ווען מען זיצט צוזאמען מיט א גוטע חברותא, איז יראה נישט קיין מילתא זוטרתא, עס קומט פון זיך אליין.

**די** מרגלים זענען אוועקגעגאנגען פון משה רבינו, זיי זענען אוועקגעגאנגען פון די גאנצע חברותא ארום און ארום, פאלט מען אדורך. ווען זיי וואלטן געווען צוזאמען מיט די גאנצע חבריא, וואלט מען נישט אדורכגעפאלען. **אז עס איז נמנו לדבר מצוה, מען קומט זיך צוזאם ארויסצוהעלפן פאר די ישיבה, א פלאץ וואו מען האט אליין געלערנט, מען האט א הכרת הטוב אויף דעם מקום וואו מען האט געלערנט, מען וויל אז עס זאל ווייטער נמשך ווערן, און עס זאל קענען ווייטער בלייבען א מקום פון אהלה של תורה, איז אוודאי א געוואלדיגע זכות פאר די אלע וואס העלפן צו דערצו.** אפילו עס קומט אסאך מאל אן שווער, לפום צערא אגרא, אזוי שטייט אין חז"ל (אבות ה-כג), ווי שווערער עס איז, איז דער שכר גרעסער.

**דער** באשעפער זאל העלפן, ער זאל שיקן די ברכה אז עס זאל נישט זיין שווער, ביי דעם אייבערשטען איז דאך אלעס גרינג. ווען א יוד טוט פון זיין זייט וואס ער דארף צו טון, איז דא די ברכה פון תורה, עץ חיים הוא למחזיקים בה, ותומכיה מאושר, אורך ימים בימינה ובשמאלה עושר וכבוד, עס איז דא אריכת ימים, און עס איז דא עושר וכבוד, אלעס איז דא אין זכות פון תורה. ווען א יוד טוט עפעס דערצו, ער אינוועס"ט פאר תורה, איז די רווחים דערפון גיט דער אייבערשטער. זאל דער אייבערשטער געבן, מען זאל קענען טון מצות און מעשים טובים, און עס זאל גרינג אנקומען, עס זאל זיין מתוך נחת והרחבת הדעת, מען זאל קענען

אויפשטעלן יעדער איינער ביי זיך א שיינע ערליכע יודישע שטוב, דינען דעם אייבערשטען מתוך שמחה וטוב לבב. און מיר זאלן זוכה זיין אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

אחר המסיבה חזר **רבינו שליט"א** להחתונה של בן הר"ר **משה יוסף האפפמאנן** הי"ו, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן **הרה"ג רבי ישכר דוב טויב שליט"א** אב"ד קאלוב וומסב"ג (בן כ"ק האדמו"ר מקאלוב שליט"א לרפו"ש), עב"ג בת **הרה"ג רבי זאב פיש שליט"א** (בן כ"ק האדמו"ר מביקסאד שליט"א, וחתן כ"ק האדמו"ר מקאסאני שליט"א), שהתקיים באולם עדן פאלאס. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום שני פרשת שלח***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **אברהם שמואל וויינבערגער** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** בסעודת חתן מאהל של נכדו הרב **חיים מאיר כ"ץ** שליט"א, בן **הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א**, שהתקיים באולם עדן פאלאס. בהשמחה השתתפו **כ"ק האדמו"ר מסקווירא שליט"א, וכ"ק האדמו"ר מתולדות אהרן שליט"א.**

*

***יום שלישי פרשת שלח***

## קול רנה וישועה באהלי צדיקים

בשעות הערב התקיימה החתונה הגדולה של נכד **כ"ק מרן רבינו שליט"א**, החתן **הרב חיים מאיר כ"ץ שליט"א**, בן **הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א**, חתן **כ"ק האדמו"ר מוויזניץ שליט"א**, עב"ג בת **הרה"ג רבי יהושע העשיל היילפרין שליט"א**, בן **הגה"צ אב"ד ראדומישלא שליט"א**, וחתן **כ"ק האדמו"ר מדעעש שליט"א**, שהתקיים באולם עדן פאלאס.

בשעות אחר הצהרים קיבל **רבינו שליט"א** קהל אנ"ש שנכנסו להזכר בדבר ישועה ורחמים בהאי עידן חדוותא עילאה בבית צדיקים.

בהגיע מועד השמחה בשעה חמש וחצי לפנות ערב נכנס **רבינו שליט"א** יחד עם החתן והמחותנים הדגולים שליט"א להקבלת פנים שנערכה ברוב עם במעמד רבנים הגאוה"צ קרובי המשפחה שליט"א. מקהלת המשוררים הנעימו בניגוני התעוררות. - אחר שסידר **רבינו שליט"א** את הכתובה נשמעו חרוזים מיוחדים לכבוד החתן בהתעוררות רב, ולעורר זכות אבות החתן והכלה שיורדים להשתתף בשמחת צאצאיהם.

אחר כך הלבישו את החתן בהקיטל, **וכ"ק מרנן האדמורי"ם שליט"א** הלכו עם החתן והמחותנים שליט"א לבאדעקן.

החופה התקיימה במעמד קהל רב על במה מיוחדת על יד האולם. אחר שניגנו ניגוני קודש בהתעוררות עצומה, נתכבד **רבינו שליט"א** בסידור קידושין. בעדי קידושין נתכבדו **הרה"ג רבי שמחה אהרן שטראהלי שליט"א** דומ"ץ דקהלתנו הק' בוומסב"ג, **והרה"ג רבי משה נחמיה לעוויטא שליט"א** דומ"ץ באבוב 45 בוומסב"ג. **הגה"צ אב"ד ראדומישלא שליט"א** סב הכלה, נתכבד בקריאת הכתובה. **כ"ק האדמו"ר מדעעש שליט"א** סב הכלה, נתכבד בברכות ראשונות, ובברכה אחריתא נתכבד **כ"ק האדמו"ר מוויזניץ שליט"א** סב החתן. - עם סיום החופה השמיע **רבינו שליט"א** ברכת מזל טוב לכל הקהל. וזאת הברכה אשר ברך אותם **רבינו שליט"א:** מזל טוב, מזל טוב, דער אייבערשטער זאל העלפן, אז פון די שמחה זאל נשפע ווערן אסאך שמחות אין אלע יודישע שטובער. יעדער זאל געהאלפן ווערן מיט בני, חיי, ומזוני רויחי, און מיר זאלן זוכה זיין אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן. - ויצאו כל הקהל בריקוד בשירה וזמרה.

כשעה אחר החופה נכנסו **כ"ק האדמורי"ם שליט"א** לאולם החתונה שהיתה גדוש בקהל המונים תלמידים וחסידים שבאו לשמוח בשמחת בית צדיקים. **רבינו**

**שליט"א** עבר על שלחן המזרח וקיבל את פני הרבנים הגאוה"צ שליט"א בהארת פנים.

במשך החתונה הגיעו אדמורי"ם ורבנים שליט"א להשתתף בשמחה הגדולה, ומאות רבות של אנ"ש ידידים וקרובי המשפחה עברו לברכת לחיים ואמירת מזל טוב **לרבינו שליט"א** והמחותנים שליט"א, כאשר מתחלק לכל המשתתפים הספר החדש **'שמן ראש'** (חלק אחד עשר על סדר ויקרא - נדבת לבו של ידידנו הנה"ח הר"ר **יהושע צבי פריעדמאן** הי"ו), שיצא לאור על ידי **'מכון מעדני מלך'** בהוד ותפארת לרוות הצמאים לדבר ה'.

במשך שמחת החתונה השתתפו בין השאר **כ"ק האדמורי"ם מסאטמאר** (ק"י), **סערדאהעלי, מאקאווא, ספינקא, וויזניץ מאנסי, וויזניץ וומסב"ג, וויזניץ ב"פ, באבוב 45, קאסוב, דעעש ב"ב, דעעש ק"י שליט"א.**

כמו כן השתתף **כ"ק האדמו"ר רבי יאשיהו יוסף פינטו שליט"א** שהגיע במיוחד לאות גודל התקשרותו זה שנים רבות בספרי דבי רב **'שמן ראש'**. (בשיחתו עם רבינו שליט"א הפליג בהתפעלות בנועם זיו אמריו וקדושת ספריו, אשר הוא מתעדן בהם מדי שבוע בשבוע, תמידין כסדרן, וביקש את ברכת הקודש לברכה ולהצלחה בכל פעולותיו הכבירות להגדיל תורה ולהאדירה).

אחר אמירת לחיים ירד **רבינו שליט"א** לחלל היכל האולם, והמשיך בריקודין נלהבים עם החתן והמחותנים שליט"א ויוצ"ח, ובריקוד מיוחד ונלהב עם בנו אבי החתן **הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א**, כאשר קהל אנשי שלומינו מסובבים כחומה בשמחה של מצוה בעוז ותעצומות, שנמשך למשך שעה ארוכה. - בעת הריקודין יצא **רבינו שליט"א** במחול מיוחד עם אחיו הגדול **כ"ק האדמו"ר מסערדאהעלי שליט"א**, ועם גיסיו **הגה"צ אב"ד גרויסווארדיין שליט"א, והגה"צ אב"ד וואדקערט שליט"א.**

בברכת המזון נתכבד **כ"ק האדמו"ר מדעעש ק"י שליט"א** דוד הכלה. בשבע ברכות נתכבדו: בג' ברכות ראשונות **כ"ק הגה"צ מסערדאהעלי שליט"א, הגה"צ אב"ד וואדקערט שליט"א, הגה"צ אב"ד שטראסבורג שליט"א** בברכה אחריתא נתכבד **כ"ק האדמו"ר מדעעש ב"ב שליט"א.**

אחר אמירת השבע ברכות נשמעו דברי חרוזים, וקראו את **הגה"צ אב"ד ראדומישלא שליט"א, וכ"ק האדמו"ר מדעעש שליט"א** סבי הכלה לריקוד מצוה טאנץ.

בהתעוררות מיוחדת נקרא **רבינו שליט"א** למצוה טאנץ על ידי הר"ר **אליעזר זוסיא קיש** הי"ו, והנעים בחרוזים מיוחדים לעורר אהבת קדומים זכות האבות הק' שעל ידם יושפע כל טוב, ובפרט לתלמידים וחסידים המקושרים לאילנא דחיי. - **רבינו שליט"א** רקד מצוה טאנץ לפני הכלה בעוז ותעצומות, ויניעו אמות הסיפים בעת **שרבינו שליט"א** מפזז ומכרכר בכל עוז במחיית כפים ביקוד אש קודש, בניגוני שמחה ושבח והודאה לה' יתברך, אשרי עין ראתה כל אלה.

אחר כך המשיך **רבינו שליט"א** בריקודין יחד עם נכדו החתן שליט"א, ועם בנו **הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א** אבי החתן, שארכה למשך זמן מתוך שמחה ודביקות. ובסיום יצא במחול עם בני המשפחה יוצ"ח שליט"א.

אחר כך המשיכו במצוה טאנץ של סב החתן **כ"ק האדמו"ר מוויזניץ שליט"א**, והמחותנים שליט"א. שמחת החתונה הסתיימה בצהלה ושמחה בשעה חמש לפנות בוקר. ויה"ר שמשמחה זו יושפע עלינו שפע קודש להתברך בכל מילי דמיטב.

*

***יום רביעי פרשת שלח***

אחר מעריב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל החתונה של בת הר"ר **חיים פישער** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **משה שלמה הורוויטץ** הי"ו, שהתקיים באולם עטרת חי'. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של נכדו **הרב חיים מאיר שליט"א** שנערך על ידי סב הכלה **הגה"צ אב"ד ראדומישלא שליט"א** באולם טאהש.

*

***יום חמישי פרשת שלח***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הרב **צבי אלימלך דייטש שליט"א**. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך, והתפלל תפלת מנחה.

אחר תפלת מנחה חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והגיע לכתיבת האותיות בהספר תורה שנכתבה ע"י הר"ר **ישראל גאלדבערגער** הי"ו, והתקיימה בבית בנו הר"ר **סנדר גאלדבערגער** הי"ו. **רבינו שליט"א** כתב אות, והסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבני המשפחה.

בשעות הערב הגיע **רבינו שליט"א** לסידור קידושין אצל החופה של בן הר"ר **יואל אקערמאן** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **מנחם בצלאל גאטטעסמאן** הי"ו, שהתקיים באולם קאנטינענטאל.

אחר כך הגיע **רבינו שליט"א** לסידור קידושין אצל החופה של בן הר"ר **יואל מייזעלס** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **יצחק בערקאוויטש** הי"ו, שהתקיים באולם פרדס פיגא.

אחר החופה הגיע **רבינו שליט"א** לכתיבת האותיות בהספר תורה שנכתבה על ידי הר"ר **עוזר קליין** הי"ו. **רבינו שליט"א** כתב אות, והסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבני המשפחה.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של נכדו **הרב חיים מאיר שליט"א**, שנערך על ידי סב הכלה **כ"ק האדמו"ר מדעעש שליט"א** בבית מדרשו, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**פותחין** בכבוד אכסניא, דער חשוב'ער מחותן דער דעעש'ער רבי זאל זיין געזונט. עס איז א עקסטערע זכיה זיך משדך צו זיין מיט אזא משפחה מיוחסת בישראל. איך האב זכרונות פון דעם בית המדרש פון אלץ קינד, ווען איך בין דא געווען ביים זיידען פונעם רבי'ן (**כ"ק האדמו"ר רבי יוסף מדעעש זצ"ל**), און נהנה געווען מאורו. זאל ער זיין ווייטער א מליץ יושר פאר דעם זיווג, עס זאל עולה יפה זיין, און עס זאל זיין א בנין עדי עד.

**מען** געפינט אין די משנה סוף מסכת תענית (כו:), אז עס איז נישט געווען קיין ימים טובים לישראל אזוי ווי חמשה עשר באב און יום הכיפורים, שבהן בנות ירושלים יוצאות וחולות בכרמים. און זיי האבן געזאגט, בחור שא נא עיניך, הייב אויף דיינע אויגן, וראה מה אתה בורר לך, קוק וואס דו קלויבסט אויס, אל תתן עיניך בנוי, קוק נישט אויף נוי, תן עיניך במשפחה, קוק אויף די משפחה, שנאמר (משלי לא-ל) שקר החן והבל היופי, אשה יראת ה' היא תתהלל. אין פשטות קוקט עס אויס, אז די זעלבע האט געזאגט די גאנצע שורה פון אנהייב ביז צום סוף. אז מען זאגט אל תתן עיניך בנוי, מיינט עס דאך צו זאגן, אז די וואס האט עס געזאגט האט נישט געהאט קיין נוי, האט ער געזאגט אל תתן עיניך בנוי. איז פארוואס זאגט ער בחור שא נא עיניך, הייב אויף די אויגן, עס איז דאך בעסער ווען ער לאזט אראפ די אויגן, און ער קוקט נישט אויפן נוי.

**אין** די גמרא איז משמע, און אזוי לערנט דער **רמב"ם** אין **פירוש המשניות**, אז עס איז עקסטערע חלקים. די וואס זענען געווען יפיפיות, האבן געזאגט בחור שא נא עיניך. דאס איז געווען איין קאטעגאריע. נאכדעם איז געווען די וואס האבן נישט געהאט די מעלה, די האבן געזאגט אל תתן עיניך בנוי, נאר תן עינך במשפחה. על כל פנים עס דארף האבן א ביאור, וואס איז דער בחור שא נא עיניך? פאר א בחור איז א מעלה ווען ער הייבט זיך נישט אויף די אויגן, פארוואס האט מען געזאגט שא נא עיניך?

**עס** קען זיין, עס שטייט אין **בני יששכר** (אדר י-א), ער שטעלט זיך אויף די קשיא, ווען ישעיה הנביא זאגט נביאות אויפן חורבן פונעם בית המקדש, שטייט אין פסוק (ישעיה א-א), חזון ישעיהו בן אמוץ אשר חזה על יהודה וירושלים. וואס איז דער דאפעלטער לשון, 'חזון' ישעיהו אשר 'חזה'. אז מען זאגט 'חזון' ווייסט מען דאך אז וואס ער האט געזעהן איז געווען חזיון. פארוואס זאגט ער עקסטער אשר חזה? איך וועל נישט נאכזאגן וואס דער בני יששכר גייט אריין אין אריכת הדברים, איך וויל צוקומען צו די נקודת הדברים.

**עס** איז דא א ספר **בית ישראל להבה**, תולדות פונעם **בית ישראל**, דער **גור'ער רבי זצ"ל**, ברענגט ער צו דארט (דף שפ"ט), אז דער בית ישראל איז געווען זייער נאנט מיט **רבי יחזקאל אברמסקי זצ"ל** [ער האט געמאכט א ספר **חזון יחזקאל**. ער איז געווען לאנדאנער רב, און שפעטער איז ער געווען אין ארץ ישראל]. אמאל איז אויסגעקומען א שמועס, אז אין גור האט מען אין די הייליגע טעג געזינגען זייער אסאך ביים דאווענען. אלע פיוטים מיט די תפלות איז געווען מארשן. און ער האט געפרעגט דעם בית ישראל, אין די הייליגע טעג גייט מען זינגען? די

הייליגע טעג איז בכיה מיט צובראכענקייט. ווי איז דער מקור דערויף, אז אין די הייליגע טעג זאל מען מאריך זיין מיט זינגען ביים דאווענען?

**האט** אים דער בית ישראל געזאגט, איך וועל דיר נאכזאגן א ווארט פונעם **וואוידעסלוב'ער מגיד**, דער פאטער פונעם **רבי ר' בונם פון פרשיסחא**, ער האט געמאכט א ספר **עשרה למאה**. ער האט זיך געשטעלט, אז מען געפונט אין פרשת ויחי, אז יעקב אבינו האט צוזאמגערופן די קינדער, און ער האט זיי געזאגט, האספו ואגידה לכם את אשר יקרא אתכם באחרית הימים (בראשית מט-א), און ווי רש"י זאגט, בקש יעקב לגלות את הקץ ונסתלקה ממנו שכינה, און ער האט נישט געקענט ווייטער זאגן, האט ער גערעדט עפעס אנדערש, ער האט נישט גערעדט פונעם קץ. האט ער זיך געשטעלט, אויב דער אייבערשטער האט נישט געוואלט אז ער זאל מגלה זיין דעם קץ, וואלט נישט געדארפט זיין נסתלקה ממנו שכינה. דער אייבערשטער וואלט געקענט לאזן די שכינה דארט, און זאגן איך געב דיר נישט קיין רשות דו זאלסט מגלה זיין דעם קץ. וואס האט אויסגעפעלט עס זאל זיין נסתלקה ממנו שכינה.

**האט** ער געזאגט, יעקב אבינו האט געוואלט מגלה זיין וועלכע יאר דער קץ וועט זיין. האט ער אנגעהויבן אדורכצוגיין און קוקן יאר נאך יאר, ביז ער וועט אנקומען צו די יאר וואס משיח דארף קומען. נו ביז מען קומט אן צו דעם יאר, האט ער דאך געזעהן אז עס וועט זיין א חורבן בית ראשון, א חורבן בית שני, די צרות וואס יודען וועלן אדורכגיין די צוויי טויזענט יאר פונעם גלות. און די שכינה איז דאך נישט שורה נאר מתוך שמחה (שבת ל.), איז ווען ער האט אנגעהויבן צו קוקן די אלע יארן ביז מען קומט אן צום קץ, און ער האט געזעהן די אלע צרות וואס מען גייט אדורך, האט ער עס נישט אויסגעהאלטן, און פון גרויס צער איז נסתלק געווארן פון אים די שכינה, ווייל ער האט נישט געקענט צוקוקן די צרות וואס עס וועט זיין שפעטער. האט ער אליין אויך נישט געקענט וויסן ווען דער קץ איז, ווייל ווען ער האט אנגעהויבן צו קוקן ביז צום קץ, איז פון גרויס צער איז אוועקגענומען געווארן די שמחה, און אין השכינה שורה אלא מתוך שמחה, האט ער נישט געקענט זאגן ווייטער.

**האט** אים דער גור'ער רבי געזאגט, ווען עס קומט די הייליגע טעג, אויב עס איז נישט דא קיין שמחה, איז דאך נישט דא קיין השראת השכינה, וואס האט מען פון די אלע בכיות וואס מען וויינט אויב די שכינה איז נישט דארט. דארף מען זינגען, מען דארף זיין אויפגעלייגט, און אז עס איז דא השראת השכינה דעמאלטס בעהט מען זיך אויס ביים אייבערשטען וואס מען דארף צו האבן.

**אויב** אזוי, ווי אזוי קען זיין אז דער אייבערשטער האט איבערגעגעבן פאר יחזקאל און ישעיה הנביא אלע נביאות, און דעם חורבן בית המקדש וואס וועט זיין שפעטער. ווען ישעיה הנביא האט אנגעהויבן צו הערן וואס עס וועט זיין ביים חורבן, האט ער זיך דאך אנגעהויבן מצער צו זיין, און אז מען הייבט אן זיך מצער צו זיין, איז דאך נסתלקה ממנו השכינה, ווי אזוי האט ער געקענט אויסהערן די גאנצע נבואה, און עס זאל נישט זיין קיין סילוק שכינה? ער האט געדארפט האבן א שטיינערנעם הארץ, אז עס זאל אים נישט בארירן וואס ער הערט, ווי אזוי איז שייך צו זאגן אזא ענין אויף ישעיה הנביא.

**עס** קען זיין, די גמרא זאגט אין סוף מכות (כד:), אז רבי עקיבא מיט אנדערע תנאים זענען אמאל נאכן חורבן געגאנגען ביים הר הבית, און זיי האבן געזעהן א שועל איז יוצא מבית קדשי קדשים. התחילו הם בוכים, האבן זיי אנגעהויבן צו וויינען, און רבי עקיבא מצחק, רבי עקיבא האט געשמייכלט. האבן זיי געפרעגט וואס ביסטו מצחק? האט ער געפרעגט, פארוואס וויינט עטץ? האבן זיי געענטפערט, א מקום וואס עס שטייט (במדבר א-נא) והזר הקרב יומת, עכשיו שועלים הלכו בו, גייען דארט שועלים, אוודאי איז עס א געוויין. האט ער געזאגט, וועגן דעם בין איך מצחק. ער האט צוזעבערענגט א פסוק (ישעיה ח-ב), ואעידה לי עדים נאמנים את אוריה הכהן ואת זכריהו בן יברכיהו, ער האט צוזאמגעשטעלט א נבואה פון אוריה מיט א נבואה פון זכריה. די צוויי נביאים זענען נישט געווען אין דער זעלבער צייט. אוריה איז געווען בבית ראשון, און זכריה איז געווען בבית שני. פארוואס האט ער צוזאמגעשטעלט די עדים נאמנים, די צוויי נביאים? האט רבי עקיבא געזאגט, איך זעה אז אוריה האט נביאות געזאגט אויפן חורבן, און זכריה האט נביאות געזאגט אויפן קץ. די נבואה פון אוריה איז געווען, אז דער בית

המקדש וועט חרוב ווערן, און די נבואה פון זכריה איז געווען, ווי אזוי עס וועט אויסקוקן שפעטער ביי די גאולה, עוד ישבו זקנים וזקנות ברחובות ירושלים (זכריה ח-ד). אז איך זעה אז עס איז מקויים געווארן די נבואה פון אוריה, פארשטיי איך אז עס גייט אנקומען שפעטער די אנדערע נבואה פון זכריה. און פארדעם פריי איך זיך, איך בין מצחק אויפן עתיד וואס איך זעה שפעטער.

**דער** ביאור הדברים קען זיין על דרך משל, אז מען גיט פאר א מענטש א ארבעט, א עבודת הפרך, ער ארבעט פון צופרי ביז ביינאכט, מען צווינגט אים ער זאל טון אן עבודה. איז ביי אים א צער יעדע רגע וואס גייט אדורך, ער פלאגט זיך פאר גארנישט. ווען מען זאגט, אויב דו וועסט ארבעטן שווער א גאנצן טאג, גיי איך דיר נאכדעם געבן א מיליאן דאלער! ארבעט ער מיט א שמחה! כאטש ער דארף זיך פונקט אזוי מוטשען ווי פאר דעם, אבער זיין בליק איז, די פארדינסט וואס ער גייט האבן שפעטער. עס איז ביי אים אזוי גרויס די שמחה וואס ער גייט באקומען שפעטער, אז ער שפירט גארנישט דעם צער פון יעצט, מכח די שמחה וואס עס וועט זיין שפעטער.

**רבי** עקיבא מיט זיין גרויס חכמה, האט געזעהן דעם חורבן. א חורבן איז א ווייטאג, שועלים הלכו בו, אבער ער האט געזעהן אז דאס גייט צוברענגען שפעטער אז עס וועט זיין די גאולה. און די שמחה פון די גאולה האט אים אזוי ארומגענומען, אז עס האט אים גארנישט ווי געטון יעצט די ווייטאג פון די שועלים הלכו בו, ווייל דאס איז א טריט וואס דארף צוברענגען שפעטער צו ביאת משיח. און די שמחה פון ביאת משיח איז געווען ביי אים אזוי גרויס, אז עס האט אים אוועקגענומען דעם צער פון וואס ער האט געזעהן דעם חורבן. זיי האבן געוויינט, ווייל זיי האבן נאר געזעהן דעם חורבן פאר די אויגן, שועלים הלכו בו. רבי עקיבא האט נישט געוויינט, ווייל רבי עקיבא האט געקוקט אויף נאך ווייטער, און ער האט געזעהן אז עס איז דא נאך א נביאות וואס גייט קומען שפעטער, די גאולה פון יודען, אז מען וועט זיצן צוזאמען מיטן אייבערשטען, אזוי ווי דער פסוק זאגט (ישעיה כה-ט), הנה אלקינו זה קוינו לו ויושיענו. און פאר די גאולה פון יודען איז כדאי אלעס אדורכצוגיין.

**ווען** דער אייבערשטער האט געגעבן די נבואה פאר ישעיה הנביא אויפן חורבן, האט ער עס אים געגעבן א חזיון. א חזיון איז דער טייטש ער זאל קענען זעהן דעם גאנצן בילד. אזוי ווי ווען א מענטש גייט ארויף אויף א הויכען פלאץ, און ער קען זעהן פון דארטן א געוואלדיגע ווייטע ראיה. אזוי האט אים דער אייבערשטער געוויזן דעם חזיון, פונעם חורבן ביז נאך די גאולה. און אז ער האט געזעהן אויף אמאל די גאנצע חזיון, אויך פון די גאולה, האט עס אים אוועקגענומען די ווייטאג פונעם חורבן בית המקדש, ווייל ער האט שוין געזעהן דעם עוד ישבו זקנים וזקנות ברחובות ירושלים.

**ווען** דער אייבערשטער זאגט א נבואה פארן נביא נאר אין ווערטער, וואלט תיכף געווען סילוק שכינה, דער אייבערשטער האט אים געזאגט, אז איך גיי חרוב מאכן ירושלים, חרוב מאכן דעם בית המקדש, און מען וועט גיין אין גלות, וואלט זיך אויפגעהערט די נבואה פון גרויס צער. האט אים דער אייבערשטער געוויזן א חזיון, אן ווערטער. און א חזיון קען מען זעהן זייער ווייט, האט ער געזעהן די גאנצע בילד צוזאמען, אז עס וועט נאכדעם ארויסקומען די גאולה. און דאס האט אים צוגעברענגט דערצו, אז ער האט געהאט א שמחה בשעת די נבואה, און ער האט אלעס געקענט זעהן.

**'חזון'** ישעיהו בן אמוץ. ווערסטו דאך פרעגן, חזון איז א קלענערע מדריגה ווי א נבואה, פארוואס האט ער נאר געזעהן א חזיון. זאגט ער, 'אשר חזה', די סיבה פארוואס עס איז געווען אשר חזה, ווייל מען האט אים געוויזן 'על יהודה וירושלים', און דאס וואלט ער נישט געקענט אדורכטראגן מיט א נבואה, עס וואלט נסתלק געווארן די שכינה אינמיטן רעדן צו אים, ער וואלט עס נישט געקענט דערהייבן. האט אים דער אייבערשטער געוויזן א חזיון, אשר חזה על יהודה וירושלים, און א חזיון קען א מענטש זעהן מעיקרא דעם גאנצען בילד ביז אראפ, האט ער געזעהן די גאולה וואס עס וועט זיין שפעטער, האט ער געקענט אדורכטראגן די ווייטאג פונעם גלות.

*

**איך** מיין אז דאס איז דער פשט וואס עס שטייט ביי אברהם אבינו (בראשית טו-ה), ויוצא אותו החוצה, אז דער אייבערשטער האט אים מוציא געווען מחללו

של עולם, און ער האט אים געזאגט, כה יהיה זרעך, אזוי וועלן זיין דיינע קינדער. און דעמאלטס האט ער אים געזאגט, דיינע קינדער וועלן גיין אויף מצרים, ועבדום וענו אתם, זיי וועלן זיין דארט פיר הונדערט יאר, ואחרי כן יצאו ברכוש גדול, און שפעטער וועל איך זיי אריינעמען אויף ארץ ישראל, ודור רביעי ישובו הנה. וואס איז דער הוציאו מחללו של עולם, ער האט עס נישט געקענט זאגן ווען ער זיצט אין שטוב? ער האט אים געדארפט ארויסנעמען פון די וועלט, און לייגן העכער?

**דער** אייבערשטער האט געוואוסט, אז ווען ער וועט זאגן פאר אברהם אבינו, כי גר יהיה זרעך בארץ לא להם, ועבדום וענו אותם ארבע מאות שנה, וועט עס אברהם אבינו נישט דערהייבן, ער וועט תיכף אריינפאלן אין א צובראכענקייט, ער וועט נישט קענען אויסהערן ביז ער וועט צוקומען און אים זאגן וואס עס וועט זיין שפעטער, ואחרי כן יצאו ברכוש גדול. האט אים דער אייבערשטער ארויסגענומען מחללו של עולם, און ער האט אים געוויזן א חזיון, פון יעצט ביז ווען יודען קומען אריין אויף ארץ ישראל. אז נאך בעפאר ער האט אים געזאגט אז יודען וועלן זיין גרים בארץ לא להם, האט ער שוין געזעהן וואס עס גייט זיין שפעטער די גאולה פון יודען, ווי אזוי זיי וועלן ארויסקומען און מקבל זיין די תורה, און אריינגיין אויף ארץ ישראל. האט ער אים מוציא געווען מחללו של עולם, כדי ער זאל אים קענען ווייזן דעם גאנצען בילד, ער זאל עס קענען מקבל זיין ווי עס דארף צו זיין.

**לעניננו**, א שידוך איז טאקע זייער פיין פון איין זייט, אבער יעדער ווייסט אז עס איז רחיים בצווארו, דאס לעבן פון א מענטש גייט אדורך מיט אסאך שוועריקייטן, מען דארף ברענגען פרנסה פאר זיך, און פאר די בני בית, און מגדל זיין די קינדער שפעטער, מען גייט אדורך צער גידול בנים. יעקב אבינו האט געזאגט, אז רוב ימיו איז ער אדורכגעגאנגען מיט צער גידול בנים (פתיחתא איכ"ר כד), און אזוי ווייטער. א מענטש האט אין לעבן פארשידענע זמנים און מצבים, גרינגערע זמנים און שווערע מצבים וואס מען דארף אדורכגיין אסאך מאל אין לעבן, וואס קיינער קען עס נישט אויסמיידן, און וויסן מעיקרא וואס עס וועט זיין, און לכאורה לשמחה מה זו עושה.

**ווען** א מענטש קוקט אבער דעם גאנצן בילד ביז צום סוף, ותשחק ליום אחרון, סוף כל סוף נאכדעם וואס מען האט חתונה, און דער אייבערשטער העלפט אז מען שטעלט אויף א שטוב, און מען האט קינדער און אייניקלעך און אור אייניקלעך, וואס בלייבט איבער א זכר פון א מענטש אויף לדורי דורות. ביי די זיבעציג אכציג יאר, ווען ער קוקט צוריק אויף זיין לעבן, איז אים אלעס כדאי געווען אדורכצוגיין, ווייל ער איז צוגעקומען צו דעם תכלית. די שמחה וואס ער האט שפעטער, אז ער האט אויפגעשטעלט א בית נאמן בישראל, וואס פון דעם וועט ער עסן די פירות. אפילו ווען ער וועט שוין נישט זיין אויף דעם עולם, זענען דאך די קינדער מזכה אבא. די שמחה וואס דער מענטש האט פון דעם וואס עס וועט זיין שפעטער, דאס גיט אים חיזוק און די כוחות, מען זאל קענען אלעס אדורכגיין ביז דעמאלטס.

**זיי** זענען געווען יוצאות וחולות בכרמים. א בחור וועט זאגן, ער דארף נישט קיין שידוך, איך דארף נישט די פראבלעמען, איך דארף לעבן מיט א צווייטן, וואס כשם שאין פרצופותיהן שוות כך אין דעותיהן שוות, איך ווייס נישט וואס פארא שוועריקייטן עס וועט אדורכגיין ביי מיר אין לעבן, איך וויל זיצן פאר מיר אליין רוהיג. זאגט מען יא, קען זיין דער חשבון וואס דו קוקסט נאר אויף יעצט איז גוט, אבער בחור שא נא עיניך, הייב אויף דיינע אויגן און קוק אויף ווייטער, קוק אויף דער ציל וואס דו וועסט צוקומען שפעטער. וראה מה אתה בורר לך, זיי דיך מתבונן, אל תתן עיניך בנוי, פון דעם וועסטו נישט האבן גארנישט. תן עיניך במשפחה, זעה דו זאלסט אריינקומען אין א גוטע משפחה, דו זאלסט קענען אויפשטעלן שיינע יודישע דורות, זאלסט האבן זכות אבות וואס וועט מגין זיין אויף דיר, און דיר ארויס העלפן צו גיין אין דיין וועג, שקר החן והבל היופי. מען הייבט אן אשת חיל מי ימצא, און ער זאגט, עוז והדר לבושה ותשחק ליום אחרון. ווען א מענטש האלט שוין ביי דעם יום אחרון, דעמאלטס איז דער שחוק, דעמאלטס קומט די שמחה. און א מענטש דארף וויסן יעצט מעיקרא, מיין ציל אינעם לעבן איז, צוצוקומען עס זאל זיין ותשחק ליום אחרון.

**ווייל** איך דא וואונטשן פארן חתן, וואס ער איז ב"ה פון מיינע חשוב'סטע אייניקלעך, ער האט פלייסיג

געלערנט אלע זיינע יארן אמת'דיג בהתמדה רבה. א בעל מידות טובות, זיין אויסנאם בחסידות און אלע אנדערע ענינים. דער אייבערשטער האט געגעבן א שידוך מיט אלע מעלות וואס איז דא, דו דארפסט נישט צומאכן די אויגן פון גארנישט, אלעס האט מען פרובירט צוצושטעלן. און כל שכן ווען עס וועט זיין שא נא עיניך, דו וועסט קוקן אויף יארן שפעטער ווען עס וועט דיר אדורכגיין, דעמאלטס ווען דו וועסט צוריק קוקן וועסטו זעהן די געוואלדיגע מעלות וואס דער אייבערשטער האט דיר געהאלפן ביז יעצט. איז זיכער דא צו האפן, אז דו זאלסט קענען אויפשטעלן א בית נאמן בישראל. איך וויל וואונטשן פאר די חשוב'ע מחותנים פון אלע צדדים, מען זאל זעהן שמחות און נחת דקדושה, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות. און מיר אלע אינאיינעם זאלן זוכה זיין אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

*

***ערב שבת קודש פרשת שלח***

אחר תפלת שחרית התקיים הברית של בן הר"ר **שלמה שטראהלי** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**אין** סוף פון די פרשה איז דא די מצוה פון חלה, ראשית עריסותיכם חלה תרימו תרומה (במדבר טו-כ). דער פשוטער פשט איז, ווען מען האט געמאכט א טייג, דארף מען אוועקגעבן א חלק דערפון פארן אייבערשטען. בעפאר מען עסט אליין דארף מען קודם אינזין האבן חפצי שמים, מען דארף מפריש זיין א חלק פונעם טייג, און עס אוועקגעבן פארן כהן אלץ חלה. עס שטייט אין **חתם סופר** (**בתורת משה** ד"ה בבואכם), עריסותיכם האט נאך א טייטש אויך, דאס בעטל פון א קינד ווערט אנגערופן א תינוק המוטל בעריסה (ברכות מז:). זאגט ער, א קינד דארף מען מחנך זיין תיכף פונעם ראשית, ווילאנג א קינד איז נאך אינעם בעטל, דארף מען אים מחנך זיין צו תורה.

**וואס** פאר א חינוך איז שייך צו געבן פאר א קינד, ווען ער איז נאך אינעם בעט. מען געפונט אין די משנה (אבות ב-ח), רבי יהושע בן חנניא אשרי יולדתו, די מאמע האט גענומען די עריסה פונעם קינד, און ארייגעלייגט אינעווייניג אין בית המדרש, אז די אויערן זאל שטענדיג הערן נאר דברי תורה (ירושלמי יבמות ח:). ווען עס איז נאך ראשית עריסותיכם, פון אנהייב ווען א קינד ליגט נאך אינעם בעטל, חלה תרימו תרומה.

**עס** שטייט אין **אורח לחיים**, אז עס איז דא דריי זמנים ביי א קינד, וואו מען טוט אים אריינברענגען אין קדושה. איינס איז ביים ברית, ווען מען מל'ט דאס קינד צו אכט טאג. שפעטער ווען ער ווערט דרייסיג טעג, איז ער יוצא מכלל נפל, קומט ביי א בכור דער מצוה פון פדיון הבן, וואס מען איז אים פודה אריין אין די קדושה. שפעטער ווען מען ווערט עלטער ביי די פינף יאר, איז דא די מצוה פון לימוד התורה, בן חמש למקרא (אבות ה-כא), מען דארף אנהייבן צו לערנען תורה. זאגט ער, 'חלה' איז ח' ל' ה'. ח' דאס איז דער אכטער טאג וואס מען מל'ט דאס קינד. ל' דאס איז דער דרייסיגסטער טאג פונעם פדיון הבן. און דער ה' דאס איז בן חמש למקרא. ראשית עריסותיכם, א קינד קליינערהייט, חלה תרימו תרומה, איז דא די דריי זמנים פון ח' ל' און ה', וואס מען איז אים מפריש פארן אייבערשטען.

**מען** קען צוגעבן א נקודה דערצו. באמת די מצוה פון חלה דארף האבן א ביאור, פארוואס דארף מען מפריש זיין חלה. מילא ווען א מענטש באקומט די ערשטע זאך פונעם אייבערשטען, איז דא ביכורים וואס מען האט מפריש געווען, דאס איז געווען די ערשטע וואס מען האט געגעבן. עס איז אים געוואקסען פירות אינעם פעלד, צו תבואה, האט ער אראפגענומען תרומה און מעשר ראשון, מעשר שני אדער מעשר עני. יעצט האט ער גענומען די מעהל וואס מען האט שוין אראפגענומען דערפון תרומה און מעשר, און יעצט זאגט מען, האסט געמאכט א טייג, נעם נאכאמאל אראפ דערפון חלה. עס איז שוין אלעס גע'מעשר'ט, איך האב שוין אוועקגעגעבן די ראשית פארן אייבערשטען, פארוואס דארף מען ביי חלה עקסטער אראפנעמען נאכאמאל דערפון א שטיקל חלה. ווען מען זאל עסן די מעהל אליין, וואלט ער גארנישט געדארפט אראפנעמען. און ווייל עס איז צוגעקומען וואסער, על כן, די וואסער איז נישט מחויב מיט תרומה און מעשרות.

**איז** דאך נאר על כרחך דער הסבר, אזוי ווי עס איז צוגעקומען א פרישע יצירה אין דעם טייג, עס איז געווארן א אנדערע מהות, עס איז טאקע די זעלבע מעהל, אבער עס איז אויסגעארבעט געווארן אויף א נייעם פארעם. אז עס איז א נייע פארעם, דארף מען נאכאמאל מפריש זיין פון דעם נייעם פארעם, און ברענגען חלה פארן אייבערשטען. איז וועגן דעם ראשית עריסותיכם חלה תרימו תרומה, דאס לערנט אז אפילו א זאך וואס אין אנהייב האט מען עס שוין גע'מעשר'ט, פון דעסטוועגן דאך טאמער עס קומט צו א פרישן אויסקוק וואס עס איז נישט געווען פאר דעם. פאר דעם איז עס געווען מעהל, און יעצט איז עס געווארן א טייג, דארפסטו נאכאמאל מפריש זיין עפעס דערפון פארן אייבערשטען.

**און** דאס זעלבע איז ביי עריסותיכם, ביי א תינוק המוטל בעריסה, מען איז טאקע מחנך דאס קינד ביי די ח', אבער שפעטער ווערט ער נאך עלטער, ער קומט צו די ל', און שפעטער קומט ער צו, צו בן חמש למקרא. עס איז פארבינדען מיט די מצוה פון חלה, ווייל ביי חלה זעסטו אז אפילו א זאך וואס מען האט שוין איינמאל מפריש געווען פארן אייבערשטען, פון דעסטוועגן דאך אז עס באקומט א פרישע יצירה, דארף עס האבן א פרישע הפרשה. א קינד איז אויך די זעלבע, טאקע ביי די אכט טאג האט מען אים מכניס געווען בבריתו של אברהם אבינו, דאס איז געווען די ערשטע מאל וואס מען נעמט אראפ תרומות און מעשרות פונעם קינד. אבער שפעטער ווען דאס קינד ווערט אלץ גרעסער און גרעסער, קומט אלץ צו דער חיוב מער צוצוגעבן אינעם חינוך, און מפריש זיין דעם ראשית פארן אייבערשטען.

*

לפני זמן הדלקת הנרות חבש **רבינו שליט"א** את השטריימעל להחתן **שלמה יצחק טובל** הי"ו.

*

***שבת קודש פרשת שלח***

**וביום השבת שישו ושמחו**

בליל שבת קודש הסיב **רבינו שליט"א** בסעודת שבע ברכות של נכדו **הרב חיים מאיר שליט"א** שהתקיים באולם אימפיריעל. במשך הסעודה נשמעו דברי תורה מאת סב הכלה **הגה"צ אב"ד ראדומישלא שליט"א**, ומאת המחותן **הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א**. אחר הסעודה ערך **רבינו שליט"א** באטש ביחד עם אברכי ובחורי אנ"ש. אחר הבאטש השתתף **רבינו שליט"א** אצל עריכת השלחן של מחותנו **כ"ק האדמו"ר מוויזניץ שליט"א**.

בקריאת התורה התקיימה הבאוארפן של החתן **שלמה יצחק** נ"ו בן הר"ר **ראובן יואל טובל** הי"ו, אחר התפלה התקיימה קידושא רבא לכבוד השמחה.

סעודת יום שבת קודש הסיב **רבינו שליט"א** ביחד עם מחותנו **כ"ק האדמו"ר מוויזניץ שליט"א** והמחותנים הדגולים שליט"א, באולם אימפיריעל.